תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

קרית יואל - בני ברק



נתייסד ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# חידו"ת

# ליו"ט שבועות

**כיתה ח' (א-ב)**

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**

**הר"ר שאול יחזקאל שווארץ הי"ו**

# חציו לה׳ וחציו לכם

**די גמרא זאגט אין מס׳ פסחים** (דף סח:) **רבי יהושע אומר חלקהו חציו לאכילה ושתיה, וחציו לבית המדרש, איז רבי יוחנן מסביר, כתוב אחד אומר עצרת לה׳ אלהיך, וכתוב אחד אומר עצרת תהיה לכם, האט געהאלטן רבי יהושע חלקהו חציו לה׳ וחציו לכם.**

קען מען זאגן א שיינער רמז, אז מ׳וועט אויסרעכענען וויפיל עס באטרעפט א האלב פון לה׳ און א האלב פון לכם, וועט עס זיין בגימטריא ׳יום טוב׳. ווייל ל-י-ה-ו-ה באטרעפט 56, א האלב פון דעם איז 28, לכם באטרעפט 90, און א האלב פון דעם איז 45, צוזאמען איז עס 73 (28+45=73), און ׳יום טוב׳ באטרעפט אויך 73 (56+17=73).

(הגר"א מווילנא)

# בעצרת דבעינן נמי לכם

**אמר רבי אלעזר הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם מאי טעמא יום שניתנה בו תורה הוא.** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז דאס א טעם אז מ׳דארף עסן ווייל מ׳האט מקבל געווען די תורה.

נאר אונז האבן געלערנט אין גמרא בבא קמא (דף פז:) אמר רב יוסף, האט רבי יוסף [וואס איז געווען א סגי נהור] געזאגט, מריש הוה אמינא, און אנהויב האב איך געזאגט, מאן דאמר הלכה כר׳ יהודה דאמר סומא פטור מן המצות, אז מ׳וועט מיר זאגן אז די הלכה איז ווי רבי יהודה אז א סומא איז פטור פון די מצוות, קא עבדינא יומא טבא לרבנן, וועל איך מאכן א סעודה פאר די חכמים, מאי טעמא, וואס איז די טעם, דלא מפקדינא וקא עבדינא מצות, ווייל איך בין נישט באפוילן געווארן און פונדעסטוועגן בין איך יא מקיים די מצוות.

אבער, והשתא דשמעית להא דר׳ חנינא דאמר ר׳ חנינא גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, אז עס איז מער חשוב אויב מ׳איז א מצווה ועושה, מאן

דאמר לי אין הלכה כרבי יהודה, אז מ'װעט מיר זאגן אז די הלכה איז נישט װי רבי יהודה, נאר די הלכה איז אז א בלינדער איז יא מחויב מיט אלע מצוות, עבדינא יומא טבא לרבנן, װעל איך מאכן א סעודה פאר די חכמים, מאי טעמא, װאס איז די טעם, דכי מפקדינא אית לי אגרא טפי, װייל אז איך בין יא מחויב האב איך מער שכר.

פון די גמרא לערנען ארויס די פוסקים (ים של שלמה ב"ק פ"ז סי' ל"ז) אז װען מ'װערט דרייצן יאר, און מ'װערט א מצווה ועושה, דארף מען מאכן לכבוד דעם א סעודה של מצוה.

מיט דעם פארשטייט מען אויך װאס די גמרא זאגט, הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, מאי טעמא יום שניתנה בו תורה, װייל אין דעם טאג איז מען דאך געװארן א מצווה ועושה, און װען מ'װערט א מצווה ועושה, דארף מען מאכן א סעודה, און לזכר דעם, אין יעדעס יאר אין די טאג ו' סיון װאס מ'איז געװארן מצווה ועושה מאכט מען א סעודה לכבוד דעם.

**(עצי חיים - לחנוכה אות ל"א)**

# <u>תיקון ליל שבועות</u>

פעם בליל שבועות נכנס הרה"ק ר' אהרן הגדול מקארלין ז"ל לבית המדרש, וראה שהקהל יושב מסביב לשולחנות ואומרים את ה"תיקון ליל שבועות" בחיפזון, התחיל הרה"ק מקארלין לצעוק בשפה הרוסית "דאװאי טובאר! טובאר דאװאי!" (כלומר תן סחורה! סחורה תן!...).

כשראה הצדיק שאין הקהל מבין כוונתו, הסביר להם את הענין: בנוהג שבעולם, סוחר כשהוא יוצא לדרך, אין הוא מוביל עמו את כל הסחורה, אלא דוגמאות בלבד, דוגמא מכל מין שיש לו למכירה, אך אימתי יש להדוגמאות ערך, כשיש לו סחורה בהרחבה מכל מין, אבל אם אחד נוסע ומוכר סחורה ומראה לכל הבאים את הדוגמאות מבלי שיהיה לו שום סחורה בבית גנזיו, הרי סופו להתקבל בעיני הבריות כרמאי.

הוא הדבר ב"תיקון ליל שבועות", בלילה של חג השבועות, מתיישבים אנחנו ומסדרים אנחנו על השולחן את הדוגמאות מכל מה שלמדנו במשך כל ימות השנה, תורה, נביאים, כתובים, משנה, גמרא, וכדו', אבל במה דברים אמורים אם מכל מה שהראה יש לו הרבה בבית אוצרו, אבל אם במשך כל השנה אין לומדים כראוי, ובית האוצר ריקם מכל, רק בליל שבועות מתישבים פתאום ומתחילים להכריז את כל הדוגמאות השונות, ממקרא וממשנה וגמרא וכדומה, הרי זה באמת מעשה צחוק!, ולזה התכוון הרה"ק מקארלין באמרו לחסידיו, למה לי רוב דוגמאות שלכם, "טובאר דאוואי! דאוואי טובאר!", כלומר סחורה תן, ולא רק דוגמאות.

# פיוט אקדמות

**מרומם הוא אלקין בקדמא ובתרייתא, צבי ואיתרעי בן ומסר לן אורייתא**, ונל"פ דאי' בגמרא לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע אם נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה אם נצחו מוטב ואם לאו יקרא ק"ש, אם נצחו מוטב ואם לאו יזכיר לו יום המיתה, ולכאורה קשה כיון דיזכיר לו יום המיתה עצה ודאית לביטול היצה"ר, למה לא יזכיר יום המתה מיד, אבל הטעם בזה דע"י הזכרת יום המיתה יוכל לבא לידי עצבות, ואין השכינה שורה אלא ע"י שמחה, משא"כ ע"י עסק התורה יוכל לזכות גם להשראת השכינה, לכך קאמר דמתחילה יעסוק בתורה וכו' והנה התורה נקראת ראשית כדכתיב (ב"ר א') בראשית בשביל תורה שנקראת ראשית, וזה שכתב הפיטן "מרומם הוא אלקין" שנתן לנו ב' דרכים להנצל מיד יצה"ר והם "בקדמא" דהיינו תורה שנקראת ראשית "ובתרייתא" דהיינו הזכרת יום המיתה, אבל "צבי ואיתרעי בן" דהיינו שהקב"ה חפץ בנו ורוצה להשרות שכינתו עלינו לכך "ומסר לן אורייתא" שהרגזת יצ"ט על יצה"ר יהי' ע"י התורה כדי שיוכל להשרות שכינתו עליהו וכנ"ל.

(דברי מהרי"א)

# מגילת רות

**ותאמר לה נעמי וגו׳ הלא אבקש לך מנוח וגו׳.** יש לבאר ע״פ מה דאיתא בגמ׳ אבצן זה בועז, והיו לו שלשים בנים ושלשים בנות, ומבואר שם בגמ׳ דכולם מתו בחייו ונענש בכך יען שלא קרא את מנוח אבי שמשון אל הסעודות שעשה להם באמרו כודנא (פרדה, רש״י) עקרה במאי פרעא לי (אין לו בנים שיזמין לי לסעודתן). והנה רות, אשת מחלון, יראה לנפשה מפני סיבה זו לקחת את בועז לכן אמרה לה נעמי הלא אבקש לך מנוח, כלומר שאקרא את מנוח אל הסעודה וא״כ יאריך ה׳ ימי יוצאי חלציך.

**(הרה״ק מאפטא זי״ע)**

# מתן תורה

**שטייט אין מדרש אויפן פסוק ומשה עלה אל האלהים** (מדרש רבה פכ״ח ס״א) **הה״ד** (תהלים סח יט) **עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם, באותה שעה בקשו מלאכי השרת לפגוע במשה, עשה בו הקב״ה קלסטר פניו של משה דומה לאברהם, אמר להם הקב״ה אי אתם מתביישין הימנו, לא זהו שירדתם אצלו ואכלתם בתוך ביתו.**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס ווען די מלאכים האבן זיך דערמאנט אז זיי האבן געגעסן ביי אברהם אבינו זענען זיי שטיל געווארן, און האבן פארשטאנען אז די תורה קומט זיך פאר די אידן.

דער דובנער מגיד איז עס מסביר מיט א משל אזוי, א מלך האט געהאט א בן יחיד וואס ער האט אים זייער ליב געהאט, אגאנצן טאג איז ער געזיצן מיט אים און פארברענגט צוזאמען מיט א גרויסער ליבשאפט, נאר ווען דער מלך האט געדארפט רעדן מיטן גענעראל וויאזוי צו פירן די מיליטער, און אויס פלאנירן די מלחמות, פלעגט ער ארויס שיקן זיין בן יחיד׳ל פון צימער כדי ער זאל קענען רעדן מיטן גענעראל צווישן פיר אויגן.

דער גענעראל פלעגט זיך גרויס האלטן און שטאלצירן ׳מיר האט דער מלך מער ליב פון זיין בן יחיד׳, ענק זעעהן דען נישט אז ווען ער וויל רעדן מיט מיר שיקט דער מלך אלעמען ארויס פון צימער אפילו זיין בן יחיד, ווען די ווערטער פונעם גענעראל זענען אנגעקומען צום מלך זוהן׳ס אויערן, איז ער זייער קראנק געווארן אז זיין פאטער דער מלך האט טאקע מער ליב דעם גענעראל וואו אים אליין.

ווען די דאקטורים זענען געקומען אים אויסהיילן, האבן זיי באמערקט אז די קראנקייט קומט פון צובראכנקייט, האבן זיי געזאגט פארן מלך ער זאל ברענגען אסאך גוטע שפילער׳ס וואס קענען דעם זוהן פרייליך מאכן, און אזוי וועט ער האבן א רפואה, אבער די אלע זאכן וואס מ׳האט געברענגט האט נישט גארנישט געהאלפן, ווייל ער איז שוין געווען געוואוינט צו די אלע סארטן זאכן.

דער מלך האט גערופן אלע זיינע חכמים און יועצים אפשר וועלן זיי מיט זייער חכמה און פארשטאנד קענען טרעפן א רפואה פאר זיין קינד, האבן זיי אזוי געזאגט, אז עס זאל ארויס גיין א באפעל פונעם קעניג אויף אלע שרים וואס זענען אינעם חצר פונעם קעניג אז יעדן טאג דארף זיך איינער פארשטעלן און א צורה פון א בער אדער א לייב, און אזוי זאל ער קומען פארן זוהן פונעם קעניג, און ווען ער וועט דערקענען דעם שר וואס האט זיך פארשטעלט, וועט ער זיכער שטארק פרייליך ווערן, אזוי וועט ער האבן א רפואה. עס איז טאקע אזוי געווען, די שרים האבן אנגעהויבן צו קומען צו אים יעדן טאג פארשטעלטערהייט און אים פרייליך געמאכט, ווען עס איז אנגעקומען די טאג וואס דער גענעראל האט געדארפט קומען פארשטעלט צום זוהן פונעם קעניג, האט ער עס אויך געמוזט טוהן, אפילו עס האט אים נישט אזוי געפאסט, און אזוי איז ער געקומען און געטאנצן און אים פרייליך געמאכט.

ווען דער גענעראל איז ארויס פונעם צימער וואס דארט איז געווען דער זוהן פונעם קעניג, האבן אים די אנדערע שרים געזאגט, יעצט קענסטו שוין נישט זאגן אז דער מלך האט דיר מער ליב פון זיין זוהן, ווייל ער האט דאך דיר געהייסן דו זאלסט זיך פארשטעלן וואס איז פאר דיר א בושה און א שאנד, אלעס איז וועגן

זיין זוהן זאל ווערן געזונט, נאר יעצט איז געווארן אויפגעוויזן אז ס'איז נישט דא נאך אזא ליבשאפט ווי דער ליבשאפט וואס דער קעניג האט צו זיין בן יחיד.

דער נמשל איז אזוי, די מלאכים די שרי מעלה האבן געהאלטן אז זיי זענען אסאך מער באליבט ביים אויבערשטן מער פון די אידן, און א ראיה צו דעם האבן זיי געהאט פון דעם וואס זיי זענען אויבן נעבן השי"ת, און די אידן האט דער באשעפער אראפגעשיקט אויף די וועלט, וועגן דעם האבן זיי געזאגט תנה הודך על השמים, דער באשעפער געוואלט אז די מלאכים זאלן זעהן אז ער האט מער ליב די אידן, האט ער געמאכט אז די צורה פון משה רבינו זאל אויסזעהן אזוי ווי אברהם אבינו, און זיי געזאגט לא זהו שירדתם ואכלתם בתוך ביתו, אז ווען אברהם אבינו האט זיך מצער געווען אז ער האט נישט קיין געסט, האבן די מלאכים געמוזט אראפ קומען אין א צורה פון מענטשן און זיי האבן געגעסן, אפילו ס'איז זיי אנגעקומען זייער שווער, פון דעם וועגן דאך האבן זיי געמוזט אראפ קומען, וועגן די גרויסע ליבשאפט וואס דער באשעפער האט ליב געהאט אברהם אבינו, פון דעם האבן די מלאכים פארשטאנען אז די אידן זענען מער באליבט ביים באשעפער, און פאר זיי קומט זיך די תורה.

# <u>מחילת עוונות בחג השבועות</u>

**במס' פסחים** (דף סח:) **רב יוסף ביומא דעצרתא אמר עבדי לי עגלא תלתא אמר אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא.** והקשו המפרשים הא רב יוסף ענוותן היה, כדאיתא בגמרא (סוטה מט:) אמר ליה רב יוסף לתנא לא תתני ענוה דאיכא אנא, והאיך אמר מעצמו אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא.

ויל"פ על פי מה שכתב בספה"ק קדושת לוי (לחג השבועות) כל הימים טובים צריכין להיות להם רמז בחג השבועות שהוא זמן מתן תורה, וענין יום הכיפורים מרומז בו, על פי מה שאמרו חז"ל (ירושלמי ביכורים פ"ג ה"ג) בשלשה דמוחלין עוונותיהם ואחד מהם הוא חתן, וכיון דמוחלין לחתן וודאי מוחלין גם כן לכלה

דמאי בינייהו תרווייהו נשואים זה לזה. וחכמינו ז"ל אמרו (תענית פ"ד מ"ח) ביום חתונתו זה מתן תורה, נמצא כיון דהיה נישואין בשבועות ואנו הכלה נמחל לנו עוונותינו, אם כן זהו רומז ליום הכיפורים בשבועות, דביום הכיפורים מוחלין עוונות גם כן, עכדה"ק. ובזה אפשר לפרש מאמר המדרש (אגדת בראשית בסופו) חכו ממתקים בשעת מתן תורה, וכולו מחמדים כשהוא מקבל שבים, שאז בשעת מתן תורה שהיתה הנישואין, אז היה מקבל גם כן, שנמחלו כל עוונותינו.

ויש להוסיף עוד בביאור הדבר למה זכו ישראל במתן תורה למחילת העוונות, על פי מה שהזהירו חכמי האמת (הובא בבאר היטב או"ח סי' תקע"א סק"א) שכל התורה שהאדם לומד בעודו מלוכלך בחטא טורפין אותו מפניו ומוסיף כח בקליפות, ועל כן כשביקש השי"ת לתת לנו את התורה והמצוות, על כן מחל לנו כל עוונותינו, כדי שלא יהנו ממנו החיצונים ח"ו, וכל התורה והמצוות ישארו בסטרא דקדושה.

ודבר זה מתנוצץ ומתעורר בכל שנה ושנה בזמן מתן תורתינו, כי יש שבמשך השנה ח"ו בעווה"ר חסרנו ואבדנו מעלתינו, ואם כן ח"ו כל השפעת מתן תורה הוא לריק, וצריך לומר כי יום זה קדוש הוא לאלקינו, וגם בזמנינו עיצומו של היום מכפר כמו יום הכיפורים, ואנו זוכים בו למחילת עוונות, ועל ידי זה נוכל לזכות להשפעת מתן תורה בכל שנה.

ועל זה שמח רב יוסף ברוב ענוותנותו ביומא דעצרתא, אמר אי לאו האי יומא דקא גרים, אשר בו אנו זוכים למחילת העוונות, כמה יוסף איכא בשוקא, היינו כמה מצוות ומעשים טובים שהנני זוכה לעשות במשך השנה על ידי השפעת חג השבועות זמן מתן תורתינו, היו בשוקא שהיו החיצונים חוטפים אותם ח"ו, ודווקא האי יומא דקא גרים, שאז אנו זוכים למחילת העוונות, על כן אנו זוכים להשפעת והארת מתן תורה ולמדריגות גבוהות ונשגבות.

(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א)